# תצא

## כי תצא למלחמה על אויביך

**א**ין אָנהויב פרשהי שטייט: "**כי תצא למלחמה על אויביך**" – אַז דו וועסט אַרויסגיין אין אַ קאַמף מיט דיינע פיינט.

דאַרף מען פאַרשטיין[2]: פאַרוואָס נוצט דער פסוק דעם לשון "**על** אויביך" וואָס מיינט **אויף** דיינע פיינט, און ניט "**עם** אויביך" (מיט דיינע פיינט), אָדער "**נגד** אויביך" (קעגן דיינע פיינט)?

איז די ערקלערונג אין דעם:

**דער יצר הרע איז אַ פאַכמאַן אין זיין אַרבעט. אַמאָל באַווייזט ער זיך ניט ווי אַ פיינט נאָר ווי אַ באַליבטער חבר**

דער פסוק איז דאָ מרמז אויף דער מלחמה וואָס אַ איד דאַרף פירן מיט זיין אמת'ן פיינט – דער יצר הרע.

וואָס אַ אידיש קינד קען אַמאָל פרעגן:

ער לעבט דאָך צווישן גוים, וואָס ניט נאָר זיינען זיי ניט מקיים תורה ומצוות נאָר עס זיינען דאָ אַזעלכע וואָס זיינען "**אויביך**" – פיינט פון אידן; זיי זוכן שטערן אַ אידן אַז ער זאָל ניט מקיים זיין תורה און מצוות.

און דערנאָך קומט דער אמת'ער פיינט פון אַ אידן – דער יצר הרע – וואָס זיין אויפגאַבע איז צו אויספרואוון אַ אידיש קינד און זען אויב ער קען אים איינריידן ניט צו אויפפירן זיך ווי אַ איד, און ברענגט אַ ראַי' פון די גויים אַרום אים, אַז פונקט ווי זיי עסן ניט קיין כשר, אַזוי אויך זאָל ער פאַרזוכן ניט קיין כשר'ן מאכל.

נאָך מער:

דער יצר הרע איז אַן "אומן"[3] – אַ פאַכמאַן אין זיין אַרבעט. קומט ער אַמאָל צוגיין און באַווייזט זיך ניט ווי אַן "אויב" (אַ פיינט) נאָר ווי אַן "אוהב" (אַ באַליבטער חבר); ער געפינט זיך אין דער "לינקער" זייט פון האַרץ[4] און באַווייזט זיך ווי ער וואָלט געווען אַ "יצר טוב" וואָס זוכט בעסער מאַכן. וואָס דאָס איז די גרעסטע שלעכטס וואָס מ'קען טאָן צו אַ מענטשן, צו פאַרשטעלן זיך ווי אַ גוטער פריינט און אים שלעכטס טאָן.

> **באַלד ווי ער גייט אַרויס צו דער מלחמה קעגן זיין יצר הרע – ווערט ער שוין אויפגעהויבן אַז ער איז העכער פון זיין אויב**

טענה'ט אַ אידיש קינד צו זיין מחנך, צו זיין טאַטן און מאַמע: ווי איז מעגלעך צו אויסהיטן זיך פון דעם יצר הרע? ווי קען איך זיך פאַנאַנדערקלייבן צי דאָס איז אַן עצה פון מיין יצר טוב אָדער פון מיין יצר הרע?

און דערצו האָט אַ קינד אַ טענה צום אויבערשטן: נאָך וואָס האָט ער בכלל געדאַרפט אים באַשאַפן מיט אַ יצר הרע? ס'וואָלט בעסער געווען ווען ער האָט בלויז אַ יצר טוב, און אַנשטאָט צו דאַרפן זיך אַריינלייגן אין די טענות פון אַ יצר הרע, וועט ער בעסער אויסנוצן די צייט אויף לערנען תורה און מקיים זיין מצוות!

אויף דעם זאָגט דער פסוק "כי תצא למלחמה – **על** אויביך":

דער אויבערשטער זאָגט אַ אידן, אמת טאַקע דו מוזט אַרויסגיין פירן אַ קאַמף קעגן דעם יצר הרע, אָבער וויסן דאַרף מען, אַז **באַלד** ווי ער גייט אַרויס צו דער מלחמה, אין דעם רגע וואָס ער באַשליסט צו קעמפן קעגן זיין אמת'ן פיינט, זיין יצר הרע – ווערט ער שוין אויפגעהויבן אַז ער איז "**על** אויביך", **העכער** פון זיין אויב;

באַלד אין אָנהויב פון דער מלחמה איז ער העכער און שטאַרקער פון דעם יצר הרע, ובמילא האָט ער אינגאַנצן ניט וואָס צו מורא האָבן פון דעם יצר הרע. ער קען אויסניצן יעדער רגע אויף לערנען תורה און מקיים זיין מצוות און האָט כלל ניט וואָס צו נתפעל ווערן פון דעם יצר הרע!

פונקט ווי מיר זעען אין אַ גשמיות'דיקער מלחמה, אַז בשעת מען געפינט זיך העכער פונעם פיינט, איז זייער גרינג אים צו מנצח זיין.

(ז' אלול תש"נ)

1) תצא כא, י. 2) ראה אור התורה להצמח צדק פרשת ראה ע' תתע. מאמר ד"ה כי תצא תשמ"ה. וראה לקוטי תורה פרשתנו לה, ריש ע"ב. 3) ראה שבת קה, ב. 4) ראה במדבר רבה פכ"ב, ח. תניא ריש פרק ס.